

# תורת אביגדור

**פאר קינדער**

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' **אביגדור מיללער** ז"ל

## פרשת במדבר

# א זיץ אין די ערשטע רייע

**פרנס השבוע**

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת במדבר

# א זיץ אין די ערשטע רייע

ס׳איז געווען אן אנגענעמע פרילינג וועטער ווען דער טאטע און שימי האבן געשפאנט האנט ביי האנט. זיי זענען יעצט אויפן וועג צום שול צו מיטהאלטן דעם וועכענטליכע הלכה שיעור פונעם רב. דער שיעור איז עכט געאייגנט פאר ערוואקסענע, אבער הרב פריעדמאן שליט״א לערנט פאר אזוי געשמאק אז שימי וויל דאס נישט פארפאסן, אפילו אויב ער פארשטייט נישט אלעס וואס דער רב זאגט. יעדעס מאל לערנט ער נאך עפעס ניי און ביז דערוויל קען ער מער הלכות ווי סיי וועמען פון זיינע חברים.

אנקומענדיג צום ביהמ״ד קהילת בני אביגדור, איז שימי געבליבן שטיין אויף זיין פלאץ. פון הינטער זיין ריקן האט זיך געהערט א הויכע גערודער. ער דרייט זיך אויס און צו זיין וואונדער זעט ער א גרויסע רויטע טראקטאר קומט צו פארן צום פארקינג לאט פון שול! און דאס מערסטע וואס האט אים געוואונדערט איז געווען צו באמערקן אז ביים רעדל איז געזעצן נישט קיין אנדערע ווי ריטשארד זייגנשטיין, דער לאקאלער פארמער, אנגעטון מיט זיין ארבעט׳ס קליידער.

״א גוטן ריטשארד!״ האט זיך געהערט א באקאנטער שטימע פון אריינגאנג. שימי האט אהינגעקוקט און באמערקט הרב פריעדמאן באגריסנדיג דעם פארמער. ״איך בין אזוי פרייליך אז איך היינט ביסטו קומען!״

״א גוט יאר רבי,״ האט ריטשארד באגריסט דעם רב אויף צוריק, בשעת ער פארקירט דעם טראקטאר און קריכט אראפ פון דעם ריזיגן מאשין. ״איך בין אזוי פרייליך צו קומען לערנען תורה!״ האט ריטשארד אויסגערופן מיט א שמייכל אויסגעשפרייט איבער זיין צופרידענע פנים, ״און איר וועט נישט גלייבן אז איך קען שוין די א׳-ב׳ ביז ל׳, דאס מיינט אז איך קען שוין האלב פון די אותיות!״

שימי האט נאכגעקוקט יעדע טריט פון ריטשארד. ער האט זיך געוואונדערט פארוואס ער קומט אין שול. וועט ער אויך מיטהאלטן דעם שיעור פונעם רב? וואס קען שוין אזא איינער וואס קען קוים א צורת אות, פארשטיין פון א הלכה שיעור.

שימי שפאנט אריין אין שול אינאיינעם מיטן טאטע׳ן און צו זיין איבערראשונג זעט ער ווי מר. זייגנשטיין האט זיך אוועקגעזעצט אין די ערשטע רייע, גלייך נעבן אים און זיין טאטע. דער רב האט אויסגעטיילט בלעטער פון א תשובה פונעם אגרות משה און האט אנגעהויבן דער שיעור.

ס׳איז געווען א געשמאקער שיעור. דער רב האט ארומגערעדט וואס איז די הלכה ווען איינער געדענקט נישט אויב ער האט געזאגט ברכת התורה צי ער מעג אינזין האבן ביי די ברכה פון אהבה רבה און יוצא זיין מיט דעם ברכת התורה. מען האט געליינט די תשובה פון הגה״צ רבי משה פיינשטיין זצ״ל. שימי האט טאקע נישט אלעס פארשטאנען אבער ס׳איז נאכאלץ געווען געשמאק צו לערנען וועגן ברכות און אנדערע מצוות און ווי אזוי אהבה רבה קען זיין ווי ברכת התורה אין געוויסע אומשטענדן.

פון צייט צו צייט האט שימי געכאפט א זייטיגן בליק אויף מר. זייגנשטיין. ער האט אויסגעזען אביסל צעמישט און האט זיכער נישט געקענט מיטגעהאלטן מיט׳ן אגרות משה אויב קען ער נישט די אותיות פון נאך ל׳...

דער שיעור האט זיך געענדיגט. שימי שפאנט ארויס פון שול מיט זיין טאטע. אויך מר. זייגנשטיין איז ארויס פון שול. ס׳איז נישט שיין נאכצוקוקן א מענטש אבער מיט א זייטיגן בליק האט שימי געקענט באמערקן ווי מר. זייגנשטיין טאנצט ארויף אויף זיין רויטע טראקטאר רעדנדיג אין טעלעפאן.



״בעלינדא!״ האט ער גוטמוטיג אריינגערעדט אינעם טעלעפאן, ״איך מוז דיר זאגן אז דעם רב׳ס שיעור איז געווען אזוי געשמאק! ער האט ארומגערעדט אז מען דארף זאגן ברכת התורה יעדן אינדערפרי. איך האב שוין געוואוסט פון די הלכה אבער ס׳איז געווען גוט עס צו הערן נאכאמאל!״

אויפן וועג אהיים האט שימי געשמועסט מיט טאטע׳ן. ״איך

פארשטייט נישט עפעס, פארוואס איז מר. זייגנשטיין געקומען צום רב'ס שיעור? ער קען ניטאמאל ליינען און זיכער האט ער נישט פארשטאנען וואס דער רב האט געזאגט דארט. און נישט נאר דאס, ער האט זיך אוועקגעזעצט אין די ערשטע רייע! איז עס נישט מאדנע? איך מיין... אויך איך פארשטיי נישט אלעס וואס דער רב זאגט אבער כאטשיג קען איך מיטהאלטן די עיקר פרטים. ס'האט אויסגעזען ווי דער מר. זייגנשטיין איז נאר געזעצן דארט און פארברענגט זיין טייערע צייט מיט גארנישט."

"ס'איז נישט אינגאנצן אזוי," האט דער טאטע אויפגעקלערט שימי. "קודם כל, ס'איז נישט שיין צו נאכקוקן מענטשן, אבער אויב דו פרעגסט וועל איך דיר מסביר זיין. שבועות אינדערפרי זאגן מיר אין די הקדמות: "קביעין כן תהוין בהנהו חבורתא," מיר זאלן אויך זוכה זיין צו זיין א חלק פון דעם הייליגן חבורה. הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל איז מסביר דעם פשט פון דעם, אז אפילו אויב איינער וואס פארשטייט נאכנישט דאס לערנען, אבער נאר מיטן עצם זיצן צווישן תורה לערנערס באקומט ער שוין א חלק אין עולם הבא.

און אין די הקדמות שטייט ווייטער, "ותזכון די תיתבון בעילא דרתא," - דו זאלסט זוכה זיין צו זיצן אין די פאדערשטע רייע. זאגט רבי אביגדור מיללער אויף דעם, אז ס'איז א זכי' צו זיצן אין די ערשטע רייע ביים לערנען תורה. דאס ווייזט אז די תורה איז אזוי חשוב ביי דיר אז דו ווילסט זיין וואס נענטער צו די תורה, ס'איז דיר א כבוד און חשיבות צו זיצן אין די ערשטע רייע."

שימי האט פארשטאנען. דער טאטע האט גערעדט פון דער פארמער אבער ס'איז געווען גוט צו הערן פון דעם. ער איז נארוואס געוואר געווארן אז ער באקומט שכר פארן קומען צום שיעור און זיצן אין די ערשטע רייע אפילו ער פארשטייט נישט אלעס וואס דער רב זאגט.

"שימי, ס'איז טאקע זייער חשוב צו זיצן אין די ערשטע רייע," האט דער טאטע פארגעזעצט, "אבער געדענק, דאס איז נישט גענוג! צו באמת זיצן אין די 'ערשטע רייע' מיינט, צו זיין איינער וואס שטעלט די תורה אלס וויכטיגסטע זאך אין זיין לעבן. און דורך זיך מוסר נפש זיין צו לערנען און פארשטיין די תורה וועלן מיר זוכה זיין צו זיצן אין די ערשטע רייע אין עולם הבא!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#**